Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der neyer "Seyfer ha-drosheś"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheś

Sefer Be-reshit - parasha Be-reshit

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**

**Iaşi, 1936**

Einleitung

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4426**

Visual Library

# א פאר ווערטער צו די לעזער
## (במקום הקדמה)

שוין אריבער דרייסיג יאהר זינט איך זאג דרשות פאר אידען, אין א סך שטעט און שטעטליך איז מיין נאמען בעקאנט אלס פרא־פעסיאנעלער דרשן, איך אליין פיל אז איך טוהע ב״ה זעהר פיל אויף מיט מיינע דרשות, א סך מאל זעהע איך ווי אידען ווערען בעגייסטערט פון מיינע רייד און עס ווירקט אויף זיי אויך אויף א צייט שפעטער.

מיינע דרשות וואס איך האב געזאגט אין משך פון די אלע יאה־רען זענען נישט פערלוירען געגאנגען, איך האב זיי אלע אויפגעשרי־בען און האב אזוי ארום געשאפען א גאנצען ספר הדרשות, אויף יע־דע סדרה פון דער וואך עטליכע דרשות און אזוי אויך אויף יעדען יום טוב און אנדערע וויכטיגע צייטען פונ׳ם יאהר.

איך האב איצט אונטערנעמען די שווערע ארבייט צו פארעפענט־ליכען דעם דאזיגען ספר הדרשות, וועלכער איז געשריבען אין א ריין אי־דיש, און ענטהאלט הויכע און טיפע געדאנקען, ארויסגעזאגט אין א פאר־שטענדליכען לשון און אין א פאפולערעשע שפראך, בעהאנדלענדיג די וויכטיגסטע פראבלעמען בנוגע צו אידען און אידענטום, פון די גאנץ ערשטע ביז אין די לעצטע צייטען, נאך די דרשות פון יעדע סדרה בריינג איך אויך א זאמלונג פון די גרעסטע אידישע אוטאריטעטען אויף די פסוקים און מאמרי חז״ל וואס ווערען דערמאנט אין די דא־זיגע דרשות, דיזע זאמלונג זענען דורך זייער טיפערען אינהאלט געשרי־בען אין עברעאיש.

מיין מאטעריעלע לאגע ערלויבט מיר נישט צו דרוקען דעם גאנצען ספר, וועלכער דארף קאסטען זעהר א גרויסע סומע געלד, אויף איין מאל, איך דרוק דאריבער צו איינציגע העפטען, יעדעס העפט וועט ענטהאלטען איניגע דרשות אויף א סדרה, אדער צוויי סדרות און אזוי ארום וועל איך אי״ה מיט דער צייט אבדריקען אלע מיינע דרשות אויף גאנץ תורה און אויף אלע ימים טובים.

ווער ס׳וויל זיך באזארגען מיט אזא פראכטפאלען ספר, קען זיך אבאנירען, אויף דעם ספר הדרשות, אזוי אז ווען ס׳וועט ערשיינען א העפט, זאל ער עס גלייך באקומען.

יעדער וואס וועט מיר אריין שיקען הונדערט ליי איינגאבע, ווערט פאר רעכענט פאר א פראנעמע־אנט אויפ׳ן ספר און זיין נאמען ווערט געדרוקט אין אנהויב פון א העפט.

איך האף אז ווער ס׳וועט נור דערזעהען דעם ערשטען העפט, וועט זיך באלד אבאנירען אויפ׳ן גאנצען ספר, וואס אנבעטרעפט דעם גרויסען נוצען וועלכעס דער דאזיגער ספר הדרשות קען ברייננען, געב איך איבער אין אנהויב פון יעדען העפט, די מיינונג פון אונזערע גדולי הדור און אנדערע פראמינענטע פאבליישע אויף דעם ספר הדרשות.

איך וויל האפען, אז אחינו בני ישראל וועלען אנדערקענען מיין גרויסע ארבעט, און וועלען מיר אפערירען זייער גרעסטען קאנקורס אז איך זאל קענען אויספירען מיין גרויסע און שווערע אונטערנעמונג און צו אקטשעלערירען די ערשיינונג פון דעם גאנצען ספר הדרשות וועלכער וועט זיין דער שענסטער אידישער אוצר, ווי אם שנעלסטען.

יאסי איר תרצ״ו

**דער פּערפאסער.**

---

אין אנהויב פון דיזען ערשטען העפט געב איך איבער די נעמען פון די יענינע אנשים השובים וועלכע האבען מיר גענעבען א סובווענציע אויף דעם ספר הדרשות, און פון די וועלכע האָבען זיך אבאָנירט און גענעבען איינגאבע, ואני תפלה אז דער זכות פון תורתינו הקדושה זאָל זיי ביישטעהען און זיי זאָלען געבענשט ווערען מיט כל טוב אמן. המחבר.

הקהלה העברית קישינוב

הנגיד מר דוב שפרינציאק

„ „ דוד ליפּאוואצקי

„ „ עקיבא בליצניוק

„ „ שמחה ספיוואק

בהמ״ד דשוק חדש קישנוב ע״י הנבאים מר יונה אכענבליט, ור׳ יצחק יתום.

הנגיד מר העניך שפירא אקערמאן

„ „ אברהם פריעדמאן צימישליע

„ „ ליב בר דניאל סקליאר

בהמ״ד אהל הדש מנאלאין ע״י הנבאים מר יעקב הערשקאוויטש ומר דוד אייזיק

בהמ״ד האנדווערקער טעמפעל גאלאן ע״י הנבאים מר אהרן העלמאן וה׳ ד. גרינבערג.

הנגיד מר איזאק מ. מאסקאוויטש יאסי

„ „ ראובן ב״ר יצחק הלוי סגל „

„ „ אליהו ב״ר שלמה ראזענבערג „

„ „ חיים ב״ר נח זעליקאוויטש „

„ „ יצחק מאיר ע״נ אביו גרשון ב״ר משה הכהן וע״נ אמו הינדא רייזא ב״ר יצחק מאיר וע״נ הותנו שלמה נתן ב״ר משה זאב.

הנגיד מר אברהם בן יוסף אלי׳ הלוי יאסי

„ „ חנינא שמואל „

„ „ צבי קויפמאן „

די נעמען פון די אלע וועלכע וועלען זיך אבאנירען אויפ׳ן ספר הדרשות פון איצט, וועלען געדרוקט ווערען אי״ה אין אנהויב פון צווייטען העפט וועלכער דרוקט זיך שוין.

---